STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05379

LIEDER

Heinrich Heine

Permanent preservation of this book was made possible
by Labelle L. Perlman
in memory of
Professor Isadore Perlman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נייער פריהלינג.

Neuer Frühling.

BUREAU OF JEWISH EDUCATION
135 N. W. 3rd Avenue
Miami 36, Florida

*

אַלע בײמער זאָגן שירה —
מיט געזאַנגען פֿול די נעסטער —
ווער־זשע איז דער קאַפּעלמײסטער
אין דעם גרינעם וואַלד־אָרקעסטער?

זאָל עס זײַן דער גראָהער קיביץ,
װעלכער נױגט זיך אַזױ װיכטיג?
אָדער דער פּעדאַנט, דער קוקו,
קוקט אױסגעצעהלט אין ריכטיג?

אפשר יענער שטאָרך, דער שטרײַנגער,
וואָס ער קלאַפּט בײַם דיריזשירען
מיט זײַן לאַנגען פֿוס, דעם דאַרען,
און העלפֿט־צו דעם מוזיצירען?

נײן, אַלײן בײַ מיר אין האַרצען
זיצט פֿון וואַלד דער קאַפּעלמײסטער —
און איך פֿיהל, ער קלאַפּט צום טאַקט־צו,
און מיר דאַכט זיך, אַמאָר הײסט ער.

*

איך װאַנדל צװישען בלומען
און בליה מיט זײ אױך מיט,
כ׳געה אום, װי אין אַ חלום,
מיט װאַקלענדיגע טריט.

אָ, האַלט מיך פעסט, געליבטע!
אַנישט, פון ליבע־װײַן
פאַל איך דאָ אום, אין גאָרטען,
פאַר מענשען, זון און שײַן...

היינריך היינע.

*

ס'האָט דער פריהלינג מיר געשײנקט
ווידער צערטליכע געפיהלען, —
מרה־שחורה לאַנג פאַרשוואונדען
און דער מאַי באַהערשט מײַן ווילען!

שפּעט און פריה בין איך שוין ווידער
אויף די רוישיגסטע אַלעען,
אונטער יעדען שטרוי־הוט זוך איך
מײַן געליבטע צו דערזעהען.

ווידער בײַ דעם גרינעם טײַך
אויף דעם בריקל בלײַב איך שטעהען —
אפשר פאָהרט זי דאָ פאָריבער
און איהר בליק וועט מיך דערפרעהען.

אין דעם וואַסער־פאַל'ס געררויש
הער איך ווידער שטיל־וואָס קלאָגען —
און מײַן האַרץ, אַך! עס פאַרשטעהט,
וואָס די ווײַסע פאַליעס זאָגען.

ווידער האָב איך זיך פאַרפלאָנטערט
אין מײַן טרוימען, ליבע־צער —
און די פייגל אויף די ביימער
לאַכען פון פאַרליבטען נאַר...

הײַנריך הײַנע.

*

ס'ציִהען שטיִל דורך מײַן געמיִט
ליִבליִכע געזאַנגען.
קליִנג, מײַן קלײנעם פריִהליִנג־ליִד
און פאַרוויִג איִן קלאַנגען.

ווײַט־ווײַט קליִנג, ביִז יענעם הויז,
וואו די בלומען זײַנען,
ועסטו דאָרט דערזעהן אַ רויז,
זאָג, איִך גרוס פון דײַנען.

*

דו זאָלסט האָבּען שאַרפע אויגען
און אין מײַנע לידער בּליקען,
וואָלסטו דאָרט דערזעהען וואַנדלען
אַ פּרינצעסין, שעהן צו קוקען.

דו זאָלסט פײַנע אויערן האָבּען,
וואָלסטו אויך איהר שטימע הערען —
פון איהר זיפצען, לאַכען, זינגען
וואָלט דײַן האַרץ פאַר׳כּישופ׳ט ווערען.

דען זי וועט מיט בּליק און וואָרט,
ווי מיך זעלבּסט, אויך דיך פאַרפיהרען —
אַ פאַרליבּטער פריהלינגס־טרוימער
וועסט אין וועלדער זיך פאַרלירען.

הײַנריך הײַנע.

*

מִיט דִי בְּלױעֶ אױגען דײַנעֶ
קוּקסטוּ תּמיד לִיבּ מִיך אָן —
װעֶרט מִיר עֶפּּיס אַזױ מאָדנעֶ,
אָסוּר, רעֶדען, אױבּ איך קאָן.

פוּן דִי בְּלױעֶ אױגען דײַנעֶ
קלעֶר איך, װאוּ איך זאָל נִישט זײַן —
און אַ ים מחשבות בּלױעֶ
גִיסט זִיך מִיר אין האַרץ אַרײַן.

היינריך היינע׳

*

ווען דו געהסט פאַרביי מיר איבער
און ס׳באַרירט מיך נאָר דיין קלייד,
ווערט מיין האַרץ אין מיר פאַרצאַפּעלט
און ס׳נעמט נאָכגעהן דיר מיט פרייד.

נאָר דו קערסט זיך אום און קוקסט מיך
מיט די גרויסע אויגען אָן,
ווערט מיין האַרץ אַזוי דערשראָקן,
אז דיר נאָכגעהן קוים עס קאָן.

*

ווי דער לבנה׳ס אָפּבילד ציטערט
אין די ווילדע ים׳ען־וועלען,
און זי בלאַנדזשעט שטיל און זיכער
זיך אַליין אין הימעל־העלען:

אַזוי בלאַנדזשעסטו, געליבטע,
שטיל און זיכער, און עס פלאַטערט
נאָר דיין אָפּבילד אין מיין הארצען,
ווייל מיין הארץ איז אויסגעמאַטערט.

*

קושען, גע׳גנב׳עטע שטיל אין דער פינסטער,
און אויך געגעבען אין פינסטער צוריק
קושען אזעלכע, ווי מאכען זיי הארציג
אונזער נשמה מיט ליבע און גליק.

פון פארגעפיהלען ערינערונג־דורשטיג
קלערט די נשמה זיך עטוואס דערביי,
עטוואס פון לאנג שוין פארגאנגענע צייטען
און פון דער צוקונפט, וואס זאגט־צו וואס־ניי.

דאך צופיל קלערען אמאל ביי דעם קושען
איז נישט גאר גרינג, ווי עס קלערט זיך אזוי—
וויין זיך אויס בעסער, נשמה געטרייע,
וויל פון דעם וויינען ווערט גרינגער דער וועה.

*

לאַנג־פאַרגעסענע געשטאַלטען
לעבען־אויף אין מײַן זכרון —
וואָס איז אין דײַן קול באַהאַלטען,
דאָס איך בין, ווי יונג געוואָרען?

זאָג נישט, אַז דו האָסט מיך ליב!
כ׳ווייס: דאָס שענסטע אויף דער ערד —
יונגער פריהלינג ווערט אויך טריב,
און אַ תל פון ליבע ווערט.

זאָג נישט, אַז דו האָסט מיך האָלט!
שווײַג און קוש נאָר, לאַך מיך אויס,
ווען כ׳וואָלט מאָרגען דיר געוואָלט
ווײַזען אַ פאַרוועלקטע רויז.

*

שטערענדלאך אויף גאָלדענע פיסלאַך
בלאָנדזשען אויבען שטיל פארטראַכט,
כדי די ערד איצט נישט צו וועקען
פון איהר שלאָף אין שוים פון נאַכט.

שטומע וועלדער הערען איין זיך,
יעדעס בלאַט א גרינער אויער,
און דער בארג ציהט אוים פאר׳חלומ׳ט
ווייט זיין שאָטען אומגעהויער.

נאָר ווער רופט דאָרט? און מיין הארצען
דרינגט דער עכאָ־טאָן אומקלאָר,
איז עס מיין געליבטערס שטימע,
צי די נאכטיגאלען נאָר?

*

גראָהער וואָכעדיגער הימל!
אויך די שטאָט איז נאָך די זעלבע!
שוואַך און יאָמערדיג, ווי תמיד,
שפּיגעלט זי זיך אין דער עלבע.

לאַנגע נעזער ווערען נודנע
אַלץ געשנייצט נאָך, מיאוס צו קוקען!
און עס בלאָזט זיך אַלץ דער גדלן,
אָדער בויגט זיין פרומען רוקען.

שעהנער דרום! ווי פאַרהער איך
דיינעם הימל, דיינע געטער,
זינט איך זינק אין אָט דער בלאָטע
מיט די מענשען און דעם וועטער.

לירישעם אינטערמעצא.

Lirisches Jntermezzo.

*

זאָג, וואו איז איצט דיין געליבטע,
וואָס האָסט שעהן אַזוי באַזונגען,
ווען די צויבער־שטאַרקע פלאַמען
האָבען ס׳האַרץ דיר דורכגעדרונגען?

יענע פלאַמען — לאַנג פאַרלאָשען!
אין דעם האַרץ אַ קעלט און אומעט —
און דער פייער פון דעם ביכל
איז מיין ליבע אַ נר־תמיד.

*

זאָג, פאַרוואָס זײַנען די רויזען
אַזוי בלאַס, פאַרוואָס?
פאַרוואָס שווײַגען בלויע פײַלכען
אין דעם גרינעם גראָז?

פאַרוואָס זינגען מיט אַ טרויער
פײגל אין דער הײַאך?
פאַרוואָס הערט זיך פון די קרײַטער
ווי אַ מתים־ריח?

פאַרוואָס קוקט די זון מיט ברוגז,
קאַלט די שטראַלען גיסט?
פאַרוואָס איז עס, ווי אַ קבר,
פוסט די ערד און וויסט?

און פאַרוואָס בין איך, מײַן ליבסטע,
אַזוי קראַנק און טריב?
זאָג, פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָזט מיך,
מיך, וואָס האָט דיך ליב...

*

פאַר׳סמ׳ט, פאַר׳סמ׳ט די לידער מײַנע —
האָט דאָס געקאָנט דען אַנדערש זײַן?
דו האָסט אַלײן דעם סם געגאָסען
אין בליהענד לעבען מיר אַרײַן.

פאַר׳סמ׳ט, פאַר׳סמ׳ט די לידער מײַנע —
האָט דאָס געקאָנט דען אַנדערש זײַן?
איך טראָג אזוי פיל שלענג אין האַרצען
און דיך דערצו, געליבטע מײַן...

*

און וואָלטען די בלומען געוואוסט עס, די קליינע,
ווי טיף ס'איז פארוואונדעט מיין הארץ,
דאַן וואָלטען געוויס זיי מיר העלפען צו וויינען,
מיר העלפען צו היילען מיין שמאַרץ.

און וואָלטען געוואוסט עס נאָך אויך נאכטיגאַלען,
ווי טרויעריג בין איך און קראַנק,
דאַן וואָלטען זיי פרעהליך גענומען צו שאַלען,
מיך קוויקען מיט זייער געזאַנג.

און וואָלטען די גאָלדענע שטערנדלאַך וויסען,
ווי כ'בין פון מיין צער געפּלאָגט,
דאַן וואָלטען זיי זיך פון דער הויך אָפּגעריסען,
אַ טרייסט-וואָרט מיר וואָלטען געזאָגט.

דאָך קיינער פון זיי קאָן דערפון גאָרנישט וויסען,
זי איינע נאָר ווייסט פון מיין שמאַרץ,
דאָס האָט זי אַליין, זי אליין האָט צעריסען,
צעריסען האָט זי מיר מיין האַרץ.

הײַנריך הײַנע.

*

האָסט נישט ליב, האָסט נישט ליב,
גלויב, עס אַרט מיך ווײניג;
פיהל איך נאָר אויף זיך דײַן בליק,
בין איך שוין א קעניג.

האָסט מיך פײַנט, אפילו פײַנט,
זאָגט דײַן ליפּען־שמײכל,
לאָז די ליפּען קושען נאָר,
בין איך אַלץ דיר מוחל...

*

קוק איך ווען אִין דײַנע אויגען,
לײד און וועה אוועקגעפלויגען!
לאָזטו קושען מִיך דײַן מויל,
פִיהל אִיך זיך געזונט און וואויל.

לעֶן אִיך אָן זִיך אויף דײַן ברוסט,
קומט אויף מִיר די הִימל־לוסט!
רעדסטו אויס אָבער: „אִיך לִיב“,
מוז אִיך וויינען, ווערען טרִיב.

הײנריך הײנע.

*

זײ האָבען מיך געפּײַניגט,
געמאַכט מיך בלוי און בלאַס —
מיט זײער ליבע אײניגע,
די אנדערע מיט האַס.

דעם ביסען=ברויט פאר'סמ'ט מיר,
געגאָסען גיפט אין גלאָז —
מיט זײער ליבע אײניגע,
די אַנדרע מיט פאַרדראָס.

דאָך זי, וואָס האָט צום ווײניגסטען
געפּײַניגט מיך, באַטריבט, —
זי האָט גאָר נישט געהאַסט מיך,
און האָט מיך נישט געליבט.

*

אומעטום, וואו כ׳בין, א חשך
נעמט ארום מיך שטארק, געדיכט,
זינט ס׳האט אויפגעהערט, געליבטע,
שיינען מיר דיין אויגען־ליכט.

ס׳לויכט פאר מיר נישט מעהר דער שטערן
פון דער ליבע־גאלדנער פראכט,
פאר די פיס אנ׳אפגרונט אפען —
נעם מיך צו, אוראלטע נאכט!

היינריך היינע.

*

אויף א באַרג אין קאַלטען צפון,
וויַיט, ביַי ענדע־וועלט,
שטעהט א סאָסנע עלענד, איינזאַם,
פריִרט אין שניי און קעלט.

און עס חלומ'ט זיך דער סאָסנע,
אז אין דרום־לאַנד
בייִנקט א פּאַלמע אין דעם מדבר
אויף א פעלזען־בראַנד.

הײנריך הײנע.

*

אָ, שוועֶר זיך נישט, נאָר קוש אזוי,
איך גלויב קײן שבועה פון קײן פרוי!
דײַן וואָרט איז זיס, נאָר זיסער דאָך
איז מעֶהר דײַן קוש, ווען דו קושסט נאָך.
איהם האָב איך און איהם גלויב איך אויך,
דאָס וואָרט איז לויטער דאַמף און רויך.

אָ, שוועֶר זיך, ליבסטעֶ, תמיד פאָרט,
איך גלויב דיר אויף דײַן בלויזען וואָרט!
איך טוליע אין דײַן בוזים זיך
און גלויב, א גליקליכעֶר בין איך,
איך גלויב, געֶליבטעֶ, אָהן א שיעור
וועֶט נאָך דײַן ליבע זײַן צו מיר.

ליבע-לידער.

Liebeslieder.

*

— האָסט נישט וואָס זיך, ליבסטע, שרעקען
האָב קיין מורא נישט מיט מיר;
ס׳זאָל אונז נישט קיין גנב וועקען,
זעה, פאַרשפאַר איך אונזער טיר.

ווי דער ווינט זאָל בייז נישט וועהען,
וועט נישט שאָדען אונזער הויז;
און קיין שרפה זאָל געשעהען,
לעש איך שוין דעם לאָמפּ אויך אויס.

און איצט לאָז, כ׳וועל דיך פאַרהילען
— אין מיין שוים, ס׳דיר קאַלט אַודאי,
קאָנסט, חלילה, זיך פאַרקיהלען,
און איך האָב קיין שאַל ניט גראַדע...

*

אין דעם קושען, וואָס פאַר ליגענס!
נחת אין די בליקען דײַן!
אַך, ווי זיס עס איז דאָס נאַרען,
זיסער נאָך גענאַרט צו זײַן.

ליבסטע, ווי זאָלסט זיך נישט שיצען,
ווײס איך דאָך, וואָס דו דערלויבסט!
גלויבען וויל איך אין דײַן שווערען,
שווערען וויל, אין וואָס דו גלויבסט.

*

האָסטו די ליפּען מיר פײַנליך געקושט,
קוש־זשע זײ װידער ביז װעה,
און װען ביז'ן אָװענט נישט פאַרטיג װעסט זײַן,
האָסט נישט װאָס אײַלען אַזױ.

דו האָסט נאָך אַ נאַכט א גענוגע פאַר זיך,
ליב־האַרציג געליבטע, דו מײַן!
װי קאָן מען נאָך קושען זיך אין אַזאַ נאַכט,
און גליקליך אָהן שיעור נאָך צו זײַן.

*

דאָס מאכט דעם מענשען גליקליך,
דאָס טוט דעם מענשען וועה,
ווען ער האָט דריי געליבטע
און פיס — האָט ער נאָר צוויי.

צו איינער לויף באַגינען,
אין אָוועגט צו דער צווייטער;
די דריטע קומט צו מיטאָג,
דו זיי צו דעם אַ גרייטער.

אַדיע, איהר דריי געליבטע!
צוויי פיס האָב איך נאָר, כ׳לעבען.
איך וויל אין דאָרף געניסען
פון שטילען זומער־לעבען.

*

מײַן נישט, אז װי א פּאַרנאַרטער,
לײַד איך דײַנע שטיפערײַען;
מײַן נישט אױך, אין בין א מלאך,
גרײַט דיר אלעסדינג פאַרצײַהען.

דײַנע שטיק און די קאַפּריזען
האָב איך טאַקי שטיל פאַרטראָגען.
אַנדרע מענשען אויף מײַן אָרט
װאָלטען לאַנג דיך טױט=געשלאָגען.

שװער דער קרײַץ! נאָר כ'װעל איהם שלעפּען!
איך װעל לײַדען אָהן א זינען —
װײס, איך האָב דיך ליב דערפאַר,
װײַל איך װיל מײַן שטראָף געפינען!

יאָ, דו ביזט מײַן גיהנום=פײַער,
נאָר פון דײַנעם שװערען אַרמען
אַ געלײַטערטען װעט גאָט
רעטען מיך מיט זײַן דערבאַרמען.

היינריך היינע.

די לאָטאָס=בלום.

מושע'ן.

עפּים זײַנען מיר באמת
בײדע א קוריאָזע פּאָר —
אויף די פּים איז שוואַך די ליבסטע,
און געלײמט דער ליבער גאָר!

זי איז חולה, ווי א קעצל,
און ער פּגר'ט, ווי אַ הונט —
און מיר דאַכט זיך אין די מוחות
איז בײַ בײדען נישט געזונט.

אײַנגערעדט האָט זיך די ליבסטע,
אַז זי איז א לאָטאָס=בלום, —
און אַז ער איז אַ לבנה,
קלערט דער בלאַסער, איז נישט קרום.

ס'עפענט ס'בעכערל דאָס בלימל
בײַ דער שײַן פון לבנה=ליכט —
דאָך, אָנשטאָט אַ לעבענס=טראָפּען,
קריגט זי מעהר=נישט — אַ געדיכט...

אין דער היים.

Die Heimkehr.

*

יאָהרען קומען און פאַרגעהען,
ס׳קומט א נייַער דור נאָך אַלטען;
קיינמאָל נאָר פאַרגעהט די ליבע,
וואָס איז אין מייַן הארץ באהאַלטען.

כ׳וואָלט געוואָלט נאָך איינמאָל זעהן דיך,
אויף די קניה פאַר דיר צו פאַלען,
און דיר זאָגען פאַר׳ן טויט נאָך:
„כ׳ליב, מאַדאַם, אייַך, כ׳בין פאַרפאַלען!״

*

דאָס ווייסט גאָט נאָר, וואו עס האָט זיך
מיין משוגע׳נע פאַרקליבען;
אין אַ רעגען נאָך זי זוכען
האָט דער רוח מיך געטריבען!

אויסגעוועזען וואו אַ שענק נאָר,
און זי נישט געקאָנט געפינען —
און פון יעדען פרעכען קעלנער
זיך אומזיסט געלאָזט צו דינען.

נאָר, אָט ווינקט זי מיר פון פענסטער
און באַגריסט מיך מיט איהר שמייכל —
ווער־זשע האָט געקאָנט עס וויסען,
אַז דו וואוינסט אין אַזאַ היכל?!

*

סאַפּפירען זיינען דיינע אויגען,
די ליבע און די זיסע —
אָ, דריי מאָל גליקליך איז דער מאַן,
וואָס זעהט זיי ליבליך גריסען!

דיין האַרץ — עס איז א דיאַמאַנט,
וואָס שיינט מיט צאַרטע שטראַלען —
אָ, דריי מאָל גליקליך איז דער מאַן,
אויף וועמענס האַרץ זיי פאַלען!

רובינען זיינען דיינע ליפּען,
די שענסטע צווישען קרעלען —
אָ, דריי מאָל גליקליך איז דער מאַן,
צו וועמען נאָר זיי קוועלען!

אָ, ווען איך וואָלט דעם גליקליכען
געטראָפען אין א וואַלד —
איך וואָלט שוין דאָרט א סוף געמאכט
צו זיינע גליקען באַלד...

*

דיינע ווייסע ליליען־פינגער —
איינמאל נאך זיי קענען קושען,
איינמאל צו דעם הארץ זיי דריקען,
און פארגעהן אין שטילען שוויינען.

דיינע קלארע פיילכען־אויגען —
טאג און נאכט פאר מיר זיי שוועבען,
און מיך מאטערט: וואס באטייטען
אט די בלויע רעטענישען?

*

ליבער פרײַנד, דו ביזט פֿאַרליבט,
און דו האָסט שוין נײַע װעהען —
ס'װערט דיר טינקעלער אין קאָפּ,
ס'האַרץ נאָר װיל זיך עפּיס פֿרעהען.

ליבער פרײַנד, דו ביזט פֿאַרליבט,
און דו מײנסט, ס'איז שװער דערקענען —
און איך זעה דורך דײַן זשילעט
שוין דעם ליבע־פֿײַער ברענען.

*

כ׳האָב אַ שכן דאָן הערינקוועץ,
אַלע רופען איהם: „דער פראַנט!״
איינם בײַ איינם אונזערע דירות,
ס׳טײלט זײ נאָר אַ דינע וואַנט.

סאַלאַמאַנקער דאַמען גליהען,
ווען ער געהט, פון הינט באַגלייט,
דורך דער גאַס מיט קלינג פון שפּאָרען,
און די וואָנסען הויך פאַרדרייט.

דאָך, אין שטילקייט פונ׳ם אָווענט
זיצט אַליין ער אין דער היים, —
אויף די קניהען אַ גיטאַרע,
אין דעם האַרץ אַ זיסער טרוים

און — עס ציטערען די סטרונעס —
ס׳הויבט ער אָן צו פאַנטאַזירען!
אַך, עס מוטשעט מיך זיין צימבלען,
כ׳וועל אַמאָל פון איהם קראַפּירען!...

*

האָסט באמת אַזוי פײַנט מיך,
ווירקליך האָסט זיך אומגעביטען?
כ'וועל דער גאַנצער וועלט זיך קלאָגען,
אַז כ'האָב שלעכטס פון דיר געליטען!

אָ, אומדאַנקבאַריגע ליפען!
ווי האָט איהר געקאָנט גאָר זאָגען
שלעכטס אויף דעם, וואָס האָט אַמאָל אײַך
הײַס געקושט און אַלץ פאַרטראָגען?...

*

אַך, װידער זײַנען עס די אױגען,
װאָס פֿלעגען ליב אַמאָל מיר גריסען,
און אױך די זעלבע ליפּען װידער,
װאָס פֿלעגען ס׳לעבען מיר פֿאַרזיסען!

אַך, ס׳איז די זעלבע שטימע װידער,
װאָס כ׳האָב אַזױ געליבט צו הערען!
נאָר איך אַלײן בין נישט דער זעלבער
און װעל דער זעלבער שױן נישט װערען.

אין איהרע װײַסע, שעהנע אָרעמס,
װאָס טוען ליבע־פֿול פֿאַרהילען,
ליג איך אַ קאַלטער אױף איהר האַרצען
אָהן אַ געפֿיהל און אָהן אַ װילען.

*

װער ס׳האָט ליִב צום ערשטען מאָל,
זאָל אָהן גליִק זײַן, — איִז אַ גאָט!
װער עם ליִבּט־זשע ס׳צװײַטע מאָל
אויך אָהן גליִק, –– איז שוין אַ נאַר!

איִך, אַ נאַר אזאַ, האָבּ ליִבּ
װיִדער אָהן שום האָפענונג...
ס׳לאַכען: זון, לבנה, שטערען,
כ׳לאַך אַלײַן אויך מיִט און שטאַרבּ.

*

הײַנט אָוועגט זײַנען זײ אינאײנעם,
און ס׳איז דאָס הויז פֿול ליכט.
דאָרט אויבען בײַ דעם העלען פֿענסטער
פֿאַרהילט איז אַ געזיכט.

דו זעהסט מיך נישט, אין פֿינסטער
שטעה אונטען איך אַלײן;
מײַן פֿינסטער־האַרץ פֿון דאָרטען
נאָך װײניגער װעסט זעהן.

מײַן פֿינסטער־האַרץ, עס ליבט דיך,
עס ליבט דיך און עס גליהט,
עס גליהט און לײַדט, און בלוטעט,
נאָר דו, דו זעהסט עס ניט.

*

וואָס וויל די טרער, די איינזאַמע?
וואָס מאַכט זי טריב מיין בליק?
אין אויג מיין אַ פאַרבליבענע
דערמאָנט זי נישט אָן גליק.

פיל לויכטענדיגע שוועסטערלאך
געהאַט האָט זי און — וועה!
פאַרשוואונדען איז מיין צער און פרייד,
די שוועסטערלאַך מיט זיי.

פאַרלאָשען אויך די שטערנדלאַך,
די בלויאינקע אין נאַכט,
וואָס האָבען מיר אין צער און פרייד
געשמייכעלט און געלאַכט.

אַך, ס׳איז מיין ליבע אויך אַוועק,
צערונען ווי אַ הויך;
דו טרער, דו אַלטע, איינזאַמע,
צערון אַצינד דו אויך!

הײ נ ר י ך ה ײ נ ע.

*

ניִשט ווערט אַזוי נאָר אומגעדולדיִג,
ווען נאָך פון אַלטע לײַדענס-קלאַנגען
איִצט לאָזען אײניִגע זיִך הערען
אויך איִן דיִ נײַערע געזאַנגען.

וואַרט אוים, עס וועט פאַרקלונגען ווערען
דער עכאָ-טאָן פון מײַנע שמאַרצען,
און ס'וועט אַ נײַער ליִדער-פריִליִנג
נאָך שטראַלען פון געהײלטען האַרצען.

היינריך היינע.

דאָננאַ קלאַראַ.

בין־השמשות. אין דעם גאָרטען
בלאָנזשעט דעם אַלקאַדאַ׳ס טאָכטער;
פּויקען און טרומייטען קלאַנגען
טראָגען זיך אַהער פון פּאַלאַץ.

„נמאס זיינען מיר די טענץ שוין
„און די לאַקריץ־זיסע ווערטער
„פון די ריטער, וואָס פאַרגלייכען
„מיט דער שיין מיך פון דיצ[illegible]זון.

„נמאס, נמאס איז מיר אַלעם,
„זינט דערזעהן האָב יענעם ריטער
„ביי דער שיין פון דער לבנה
„מיט דער ציטרע אין דער האַנט.

„שלאַנק און מוטיג ביי מיין פענסטער
„איז געשטאַנען ער, דער שטאָלצער,
„מיט דעם איידעל־בלאַסען פּנים,
„ווי ביים הייליגען געאָרג.

3976

אַט אַזוי טרוימט דאָננאַ קלאַראַ
מיט אַ־אָפּגעלאָזטע אויגען. —
נאָר זי קוקט — דער אומבאַקאַנטער
שעהנער ריטער שטעהט פאַר איהר. —

און ער דריקט די הענט איהר צערטליך,
און זיי בלאָנזשען אין אַלעען, —
ס'וועהט אַ ווינטל, שמייכעלט פריינדליך,
ווי אין חלום גריסען רויזען.

ווי אין חלום גריסען רויזען
און עם גליהען ליבע־ווערטער:
— זאָג, פאַרוואָס ביזט דו געוואָרען,
ליבסטע, פלוצים אַזוי רויט?

— ס'בייסען פליגעלאַך מיך, ליבער!
און די זומערדיגע פליגען
האָב איך פיינט אַזוי, ווי אידען
מיט די קרומע לאַנגע נעז.

— לאָז צורוה זיי און די אידען,
זאָגט דער ריטער צו איהר צערטליך. —
ס'פאַלען אָט פון מאַנדלביימער
מיריאַדען ווייסע בליטען.

מיריאַדען ווייסע בליטען
גיסען דופטיג זייער ריח. —
— נאָר, געליבטע מיינע, זאָג מיר, —
האָסטו דען מיך אמת ליב?

— יאָ, כ'האָב ליב דיך, מײַן געליבטער,
און איך שווער בײַ דעם ערלעזער,
װעמען די פאַרפלוכטע אידען
האָבען בײַז אַמאָל פאַרראַטען.

— לאָז צורוה איהם מיט די אידען,
זאָגט דער ריטער צו איהר צערטליך. —
זעהסט, דאָרט אין לבנה־שטראַלען
טרוימען װײַסע־װײַסע ליליען?

ס'טרוימען װײַסע־װײַסע ליליען
און זײ בליקען צו די שטערען —
— אָבער, זאָג מיר, מײַן געליבטע,
האָסטו מיר נישט פאַלש געשװאָרען?

— נײן, געליבטער, כ'האָב קײן פאַלשקײט,
װי נישטאָ בײַ מיר קײן טראָפּען
אין דער ברוסט פון מאַורען־בלוטען
און דער מאוס'ער בלוט פון אידען.

— לאָז צורוה די מאַורען, אידען,
זאָגט דער ריטער צו איהר צערטליך. —
און פיהרט אָפּ אַלקאַדאַ'ס טאָכטער
אין דעם שאָטען פון די מירטען.

דאָרט אין װײכע ליבע־נעצען
האָט ער שטילערהײד פאַרװיגט זי.
קורצע װערטער, לאַנגע קושען,
און זײ שװימען אין גן־עדן.

און אַ חופּה־ליד אַ זיסע
זינגט די נאַכטיגאַל, די מילדע;
און די פֿײַערלאַך אין גראָזען
געה׳ן אַ פֿלאַקערדיגען טאַנץ.

נאָר דאָס רוישען ווערט באַלד שטילער
און מען הערט נאָר, ווי בגנבה,
סוד׳ען זיך די קלוגע מירטען,
און עס אָטעמען די בלומען.

און די פּויקען און טרומייטען
הערען ווידער זיך פֿון פּאַלאַץ.
אויפגעוואַכט האָט דאָננאַ קלאַראַ
פֿון דעם ריטערס הייסע אָרעמס.

— הערסט! דאָס רופֿט מען מיך, געליבטער!
זאָג־זשע גיך מיר פֿאַר׳ן שיידען,
כ׳וויל זאָלסט אָנרופֿען דײַן נאָמען,
וואָס דו האַלסט אַזוי בסוד.

און דער ריטער מיט אַ שמייכל
קושט די פֿינגער פֿון זײַן דאָננאַ,
קושט די ליפּען און דעם שטערן,
און דערנאָך זאָגט ער אַזוי:

— איך, סעניאָראַ, אײַער ליבער,
בין דער זוהן פֿון דעם באַרימטען
און דעם גרויסען רב, דעם למדן,
ר׳ ישראל סאַראַגאָסער...

פאַרשיידענע און געמישטע לידער.

Verschiedene. Vermischte Gedichte.

*

עממאַ, זאָג מיר אוים דעם אמת:
ווער איך נאַריש דען פון ליבע?
צי זי איז אַ פועל־יוצא
פון מיין נאַרישקייט נאָר, עממאַ?

אַך, מיך מוטשעט, טײַ׳רע עממאַ,
אויסער מיין שגעון־ליבע,
אויסער אויך די ליב־שגעונות,
אַ חוץ זיי, אָט די דילעממאַ!

הײנריך הײנע.

*

ניִשט קײַן אײנעם קוש אַפִילו
נאָך אַזוי פיִל צײַט פון ליִבען!
און — די ליִפען מײַנע, נעֶביִך,
זײַנען טרוקעֶנעֶ געֶבליִבען...

דאַכט זיִך, נאָהנט געֶװעֶן דאָס גליִק,
באַלד געֶקאָנט דעֶם אָטעֶם שפּיִרען. —
נאָר ס׳אַװעֶק! — קײַן צײַט געֶהאַט
חאָטש די ליִפען מיר באַריִרען...

הײנריך הײנע.

*

פִיר און צוואַנציג שעות זאָל איִך
וואַרטען אויף דאָס העכסטע גליִק,
וואָס האָט אין אלכסון זיִם מיִר,
זיִם מיר צוגעזאָגט דײַן בּליִק!

אַך, די שפּראַך איִז אַזוי אָריִם,
און דאָס וואָרט געמײַן און גריִנג:
ווערט עס אויסגערעדט נאָר — בּלײַבּט ניִט
אָט דער שעהנער שמעטערליִנג.

דאָך דער בּליִק, ער איִז אונענדליִך,
ער דערווײַטערט מיר דײַן בּרוסט,
ווי אַנ׳אויסגעשטערנטען היִמל,
פול מיִט היִמלדיִגער לוסט.

*

צו דעם שטילען ברעג פון ים
איז די נאכט שוין צוגעשוואומען,
ס׳שטראלט די לבנה דורך די וואלקען,
ס׳הערט זיך, ווי די פאליעס ברומען:

„יענער מענש דארט, איז ער נאריש,
צי ער פיהלט זיך גאר פארליבט?
דען ער קוקט מיט אומעט פרעהליך,
פרעהליך און אויך גלייך באטריבט!“

נאר די לבנה לאכט ארונטער,
און איהר שטימע קלינגט און רעדט:
„יענער איז פארליבט און נאריש,
און דערצו נאך א פאעט“...

*

מיט ברונעטע אוים, אנ׳ענדרע!
ס׳איז דער גורל הײַנטיגס־יאָהר
שוין געפאַלען אויף בלאָנדינע:
בלויע אויגען, בלאָנדע האָר.

די בלאָנדינע, וואָס איך ליב איצט,
איז אַזוי נאַאיוו און מילד!
אין דער האַנט איהר נאָר אַ ליליע,
ווערט זי שוין אַ הײַליג־בילד.

שלאַנקע, טרוימערישע גלידער,
הויט און ביין, נאָר פיל געמיט;
און פאַר ליבע, האָפנונג, גלויבען
די נשמה איהרע גליהט.

דײַטש פאַרשטעהט זי נישט לגמרי, —
וויל זי אײַנרעדען נאָר מיר —
כ׳גלויב ניט, האָסט גאָר נישט געלייענט
קיינמאָל קלאָפּשטאָק׳ס הימל־שיר?

*

אויף די וואָלקען רוהט די לבנה,
ווי אַ ריזיגער מאַראַנץ,
און באַשטראַלט דעם גראָהען ים'ם
ברייטען פּאַס מיט גאָלדנעם גלאַנץ.

וואו די ווייסע פאַליעס שלאָגען,
בלאָנזשע איינזאַם איך ביים ברעג,
און פיל זיסע-זיסע ווערטער
הער פון וואַסער איך אָהן עק.

אַך, מיין האַרץ קאָן מעהר נישט שווייגען,
און די נאַכט איז אזוי לאַנג —
שעהנע נימפען, קומט פון ים-שוים,
מיט די צויבער-טענץ, געזאַנג!

לייב און זעל וועל איך אייך געבען,
הילט מיין קאָפּ אין אייער שוים!
זינגט מיר, האַרצט מיך ביז כ'וועל שטאַרבען,
קושט פון ברוסט מיר ס'לעבען אוים!

*

בלאנזשע איך אין װאלד פארנאכט=צו,
אין דעם טרוימערישען װאלד,
תמיד געהט מיר נאך, באגלייט מיך,
דיין געשטאלט, דיין צארט געשטאלט.

איז עס נישט דיין װייסער שלייער?
נישט דיין װייך און שטיל געזיכט?
צי עס רינט נאר דורך די ביימער
דער לבנה׳ס מאטעם ליכט?

זיינען עס נאר מיינע טרערען,
װאס איך הער זיי רינען שטילע?
אדער געהסט מיר נאך, באמת,
ליבסטע מיט געװיין און תפלה?

*

דו האָסט פֿאַרשפּעטיגט מיט דײַן שמײכלען,
און מיט דײַן זיפֿצען האָסט פֿאַרזוימט!
ווײַל האָסט מיך גרויזאַם אָפּגעשטויסען,
ווען נאָר פֿון דיר האָב איך געטרוימט.

דו האָסט פֿאַרשפּעטיגט, ווײַל געשטאָרבען
שוין זײַנען לאַנג מײַנע געפֿיהלען —
און דײַנע הייסע בליקען פֿאַלען,
ווי שטראַלען אויף אַ קבר קיהלען.

דאָך וויסען וואָלט איך: די נשמה,
וואו טוט זי נאָך דעם טויט זיך הין?
וואו איז דער אויסגעלאָשנער פֿײַער?
וואוהין פֿאַרשווינדט דער ווינט, וואוהין?

ה ײ נ ר י ך ה ײ נ ע .

*

אַנטלויף מיט מיר און זײַ מײַן װײַב
און רוה זיך אויף מײַן הארצען אוים;
װײַט אין דער פרעמד װעט זײַן מײַן האַרץ
דײַן פאָטערלאַנד און פאָטערהויז.

געהסט דו נישט מיט, דאַן שטאַרב איך דאָ,
און אײנזאַם װעסטו זײַן אָהן מיר;
און בלײַבסטו אויך אין פאָטערהויז,
װי אין דער פרעמד װעט זײַן דאָך דיר!

*

כ׳שטעה אויף אין דער פריה און פרעג:
וועט שוין היינט מיין ליבסטע קומען?
אויפדערנאכט צעהל איך די טעג:
איז זי היינט אויך נישט געקומען...

כ׳ליג ביינאכט און וואך אהן שלאף,
ס׳לאזט נישט רוהען מיך מיין קומער;
און געטרוימט ביים־טאג אהן סוף,
בלאנזשע איך אין האלבען שלומער.

*

פון איין אָרט צו דעם אַנדערען
טרייבּט אום דיך אין דיין וואַנדערען,
וועיסט נישט פאַרוואָס אליין!
דו הערסט: עס קלינגט א וואָרט אין ווינט,
פאַרוואונדערט קוקסט זיך אום געשווינד,
און הערסט שוין אויף צו געהן.

דו האָסט פאַרלאָזען ליבּע, גליק...
און זי, די ליבּע, רופט צוריק,
און זאָגט דיר עפּים צו:
„אָ, קער זיך דו צו מיר נאָר אום,
„דו בּיזט מיין איינציג גליק. אָ, קום!
„איך שיינק דיר הימעל־רוה!

נאָר ווייטער, ווייטער אין דיין וועג,
קיין אָפּרוה אין די וואַנדער־טעג,
דו טאָרסט נישט בּלייבּען שטעהן
וואָס דו האָסט היים געליבּט אַמאָל,
וועט זיך נישט אומקערען קיין מאָל,
דו וועסט עס מעהר נישט זעהן!...

*

אײביגקײט, װי ביזטו לאַנג,
לײַנגער נאָך פון טױזענט־יאָהר!
טױזענט־יאָהר, איך בראָט זיך שױן
און בין נאָך נישט פטור גאָר.

אײביגקײט, װי ביזטו לאַנג,
לײַנגער נאָך פון טױזענט־יאָהר!
ס׳קומט דער שטן נאָך לסוף
פרעסען מיך מיט הױט און האָר.

*

שוואַרצע רעק, פון זייד די זאָקען,
די מאַנזשעטען ווייס געטראָגען,
רעדעס זאַפטיגע און קושען —
אַך, אַ האַרץ, ווען זיי פאַרמאָגען!

נאָר אַ האַרץ אין ברוסט, און ליבע,
ליבע וואַרימע אין האַרצען —
אַך, מיך טויט אַוועק דאָס פּלאַפּלען
וועגען פאַלשע ליבע־שמאַרצען.

אויף די בערג איצט וויל איך שטייגען,
וואו די פרומע שטיבלאַך שטעהען,
וואו דער ברוסט איז עטמען פרייער,
און די פרייע ווינטען וועהען.

אויף די בערג איצט וויל איך שטייגען,
וואו די טונקלע טאַנען וואַכען,
וואו עס ציהען שטאָלצע וואָלקען,
פייגל זינגען, רוישען טייכען.

זייט געזונט, נשמה׳ס גלאַטע,
גלאַטע פרויען, גלאַטע מאַנען,
אויף די בערג איצט וויל איך שטייגען,
דאָרט אייך לאַכענדיג דערמאַנען.

ה י י נ ר י ך ה י י נ ע .

*

האָסטו פיל — ווּעסטו באַלד
נאָך פיל מעהר דערצו באַקומען.
ווער ס'האָט ווייניג, ווּעט ביי דעם
ווערען ס'ווייניגע גענומען.

האָסטו אָבער גאָרנישט ניט,
מעגסטו דאַן זיך שוין באַגראָבען —
דען, כדי צו לעבען, פריִז,
מוז מען דאָך חאָטש עפּיס האָבען!

אינהאַלט:

נײַער פריהלינג.

אַלעַ בײמער זאָגען שירה	5
איך וואַנדל צווישען בלומען	6
ס'האָט דער פריהלינג מיר געשײנקט	7
ס'ציהען שטיל דורך מײַן געמיט	8
דו זאָלסט האָבען שאַרפע אויגען	9
מיט די בלויע אויגען דײַנע	10
ווען דו געהסט פאַרבײַ מיר איבער	11
ווי דער לבנה'ס אָפּבילד ציטערט	12
קושען גע'גנב'עטע שטיל אין דער פינסטער	13
לאַנג-פאַרגעסענע געשטאַלטען	14
שטערנדלאַך אויף גאָלדנע פיסלאַך	15
גראָהער וואָכעדיגער הימל!	16

לירישעם אינטערמעצאָ.

זאָג, וואו איז איצט דײַן געליבטע?	19
זאָג, פאַרוואָס זײַנען די רויזען?	20
פאַר'סמ'ט, פאַר'סמ'ט די לידער מײַנע	21
און וואָלטען די בלומען געוואוסט עס, די קלײנע —	22
האָסט נישט ליב	23
קוק איך ווען אין דײַנע אויגען	24
ווי האָבען מיך געפּײַניגט	25
אומעטום, וואו כ'בין, אַ חשך	26
אויף א באַרג אין קאַלטען צפון	27
אָ, שווער זיך נישט!	28

ליבע-לידער.

האָסט נישט וואָס זיך, ליבסטע, שרעקען —	31
אין דעם קושען, וואָס פאַר ליגענס!	32
האָסטו די ליפּען מיר פײַנליך געקושט	33
דאָס מאַכט דעם מענשען גליקליך	34
מײן נישט, אז ווי א פאַרנאַרטער	35
די לאָטאָס-בלום	36

אין דער היים.

יאָהרען קומען און פארגעהען 39
דאָס ווייסט גאָט נאָר, וואו עס האָט זיך 40
סאפפירען זיינען דיינע אויגען 41
דיינע ווייסע ליליען־פינגער 42
ליבער פריינד, דו ביזט פארליבט 43
כ'האָב א שכן דאָן הערינקוועץ 44
האָסט באמת אזוי פיינט מיך? 45
אך, ווידער זיינען עס די אויגען 46
ווער ס'האָט ליב צום ערשטען מאָל 47
היינט אָוועגט זיינען זיי אינאיינעם 48
וואָס וויל די טרער די איינזאמע? 49
נישט ווערט אזוי נאָר אומגעדולדיג 50
דאָננא קלארא 51

פאַרשיידענע און געמישטע לידער.

עממא, זאָג מיר אוים דעם אמת? 57
נישט קיין איינעם קוש אפילו 58
פיר און צוואנציג שעות זאָל איך 59
צו דעם שטילען ברעג פון ים 60
מיט ברונעטע אוים, אנ'ענדע! 61
אויף די וואָלקען רוהט די לבנה 62
בלאָנזשע איך אין וואלד פארנאכט־צו 63
דו האָסט פארשפעטיגט מיט דיין שמייכלען 64
אנטלויף מיט מיר און זיי מיין ווייב 65
כ'שטעה אויף אין דער פריה און פרעג 66
פון איין אָרט צו דעם אנדערען 67
אייביגקייט, ווי ביזטו לאנג 68
שווארצע רעק, פון זייד די זאָקען 69
האָסטו פיל—ווערטו באלד 70